# סך הכל פון באריכט: רעכטן פאר נאציאנאלע מינאריטעט מוטער שפראך אנווייזונגען אין קלאסן 7-9

נאציאנאלע מינאריטעט סטודענטן זענען בארעכטיגט צו אנווייזונגען אין זייער מוטער שפראך. דאס איז וויכטיג פאר זייער אידענטיטעט און און שפראך אנטוויקלונג. צו מאכן סטודענטן באוואסטזיניג איבער זייערע רעכטן, אינפארמאציע איבער, און פארמס פאר, די אנווייזונגען וואס ווערן געגעבן זענען זייער וויכטיג. די שולע אינספעקשאן אפיס (Skolinspektionen) האט שוין בעפאר געלאזט וויסן די אינפארמאציע פאר סטודענטן און עלטערן איבער זייער בארעכטיגונג פאר מוטער שפראך אנווייזונגען איז נישט געווען גענוג. אין צוגאב איז געווארן אנגעמערקט אז פראבלעמען איבער וויאזוי צו ארגאנדזשירן די אנווייזונגען. אין צוגאב, אויספארשונגען האבן פעסטגעשטעלט אז עס איז פארהאן אן ערנסטן מאנגל אין לערערס פאר נאציאנאלע מינאריטעט שפראכן.[1] די אייראפעישע קאונסיל האט אויך קריטיקירט די שוועדישע עדיוקעישאנעל סיסטעם בנוגע די רעכטן פון נאציאנאלע מינאריטעט סטודענטן פאר מוטער שפראך אנווייזונגען.

פונדעסטוועגן, אין לעצטערע יארן, זענען געזעצן איינגעפירט געווארן צו פארבעסערן די סיטואציע.[2] כאטש נאציאנאלע מינאריטעט סטודענטן האבן א פארברייטערטע רעכט צו מוטער שפראך אנווייזונגען זייט 1 יולי 2015, זענען דאך דא פארהעלטניסמעסיג ווייניג סטודענטן וואס באקומען די אנווייזונגען אין קאמפאלסערי שולע.[3]

די שולע אינספעקציע אפיס זעט א ריזיקע אז סטודענטן פארפאסן נאציאנאלע מינאריטעט שפראך אנווייזונגען אדער באקומען נידריגע קוואליטעט אנווייזונגען. פארמיידן פון מינאריטעט קינדער מוטער שפראך אנווייזונגען קען אומגינסטיג באווירקן זייער אידענטיטעט, זעלבסט-זיכערקייט און עדיוקעישאנעל ערפאלג. די אויבנדערמאנטע זענען טייל גרונטן פאר די אינספעקציע.

## וואספארא אנגעלעגענהייטן האט די שולע אינספעקשאן אפיס אינספעקטירט?

די שולע אינספעקשאן אפיס האט אינספעקטירט אויף ווי ווייט עדיוקעישאנעל אויטאריטעטן טוען אפערן און אראנדזשירן מוטער שפראך אנווייזונגען אין די פינף נאציאנאלע מינאריטעט שפראכן פאר סטודענטן און קלאסן 7-9. די אינספעקשאן האט אויך אריינגענומען א אויספרעג פון עטליכע אספעקטן אויף וויאזוי עדיוקעישאנעל אויטאריטעטן נוצן דיסטאנס אנווייזונגען צוזשטעלן מוטער שפראך אנווייזונגען אין נאציאנאלע מינאריטעט שפראכן.

די אינספעקשאן דעקט 25 עדיוקעישאנעל אויטאריטעטן, סיי מוניציפאל און פריוואט. יעדע עדיוקעישאנעל אויטאריטעט פירט אן אמווייניגסטנס איין שולע וואס שטעלט צו אינסטאקשען פאר קלאסן 7-9. די אינספעקשאן נעמט אריין 50 קאמפולסערי שולע קערפערשאפטן.

[1] שוועדישע גאווערמענט באריכט SOU (2017:91). נאציאנאלע מינאריטעטן אין שולע –אימפרוווד און ראוויטאליזעישאנס. בלאט 457 פענד פאלגענדע.
[2] נאציאנאלע מינאריטעטן און מינאריטעטן שפאך אקט (2009:724). טוישונגען און שולע אקט (2010:800). שפראכן אקט (2009:600).
[3] SOU (2017:91)

## וואספארא געזעצן זענען נוגע?

עדיוקעישאנעל אויטאריטעטן זענען פארפליכטעט צוצושטעלן מוטער שפראך אנווייזונגען אין נאציאנאלע מינאריטעט שפראכן פאר סטודענטן וואס זענען בארעכטיגט דערצו.[4] טייל פון די פליכט איז צו אינפארמירן סטודענטן און זייערע עלטערן איבער די רעכט.[5] אין עדיוקעישאנעל אויטאריטעט איז, פונדעסטוועגן, בלויז פארפליכטעט צו אראנדזשירן מוטער שפראך אנווייזונגען אין א נאציאנאלע מינאריטעט שפראך אויב פאסיגע לערערס זענען עוועילעבל. נישט אזוי ווי אנדערע שפראכן[6], עס איז נישט פארלאנגט קיין מינימום צאל פון סטודענט פאר מינאריטעט שפראך אנווייזונגען.[7] דער פרינציפל מעג אבער ארויסגעבן באשלוס-מאכן צו אן ארבייטער אין די שולע קערפערשאפט וואס האט גענוג קוואליפיקאציעס און ערפארונג צו מאכן באשלוסן בנוגע דאס.[8] אויב עס איז נישט פארהאן קיין לייסענסד און קוואליפיצירטער לערער אדער ווען עס איז דא צו ווייניג סטודענטן, קען די עדיוקעישאן אויטאריטעט אראנדזשירן אנווייזונגען אין פארעם פון דיסטאנס אנווייזונגען.[9]

דיסטאנס אנווייזונגען מוז זיין אינטערעקטיוו אנווייזונגען נוצענדיג אינפארמאציע און קאמוניקאציעס טעכנאלאגיע, אין וועלכער סטודענטן און לערערס זענען אין באזונדערע לאקאציעס, אבער צוזאמען אין עכטער צייט. [10] אין צוגאב, מוז אנוועזנד זיין א געהילף אין דעם צימער ווי די סטודענטן זענען.[11]

## וויכטיגע אבזערוואציעס

### רוב עדיוקעישאנעל אויטאריטעטן זענען הונטערשטעליג ביים צושטעלן אינפארמאציע איבער נאציאנאלע מינאריטעט שפראכן

די שולע אינספעקשאן אפיס'ס אינספעקשאן ווייזט אן אויף פארשידענע פעלערן אין וויאזוי עדיוקעישאנעל אויטאריטעטן אפערן מוטער שפראך אנווייזונגען אין נאציאנאלע מינאריטעט שפראכן. די פעלערן זענען אין פארבינדונג צו וויאזוי די עדיוקעישאנעל אויטאריטעטן מאכן זיכער אז די סטודענטן און עלטערן באקומען קלארע אינפארמאציע איבער זייערע רעכטן פאר מוטער שפראך אנווייזונגען אין נאציאנאלע מינאריטעט שפראכן און אינפארמאציע איבער וואספארא אויסוואלן עס איז פארהאן צו באקומען די אנווייזונגען.

רוב פון די אינספעקטירטע קערפערשאפטן געבן פולשטענדיג אדער אין טייל ווייניג אדער קיין אינפארמאציע איבער די פארמערטע רעכטן וואס זענען שייך פאר די פינף נאציאנאלע מינאריטעט שפראכן. אין עטליכע פעלער, טוען די עדיוקעישאנעל אויטאריטעטן אויך געבןאומריכטיגע אינפארמאציע איבער די רעכטן.

אין צוגאב, פארפעלט כמעט יעדע עדיוקעישאנעל אויטאריטעט צו אינפארמירן גענוג סטודענטן איבער די אפציע צו אויסוועלן מוטער שפראך אנווייזונגען אין זייער נאציאנאלע מינאריטעט שפראך אלס טייל פון זייער אויסוואל פון שפראכן צו שטודירן.

די קאלעקשאן אבזערוואציעס בנוגע די פעלערן אין די אינפארמאציע מיינט אז סטודענטן וואס דארפן און זענען אינטערעסירט אין שטודירן זייער נאציאנאלע מינאריטעט שפראך ריזיקירן נישט צו האבן די געלעגענהייט דערצו.

### ווען דיסטאנס אנווייזונגען איז געווארן אראנדזשירט, איז נישט געווען קיין געהילפן

די אויספרעג טייל פון די אויספארשונג האט געפונען אז 7 פון 25 עדיוקעישאנעל אויטאריטעטן טון אראנדזשירן פאר אנווייזונגען און געוויסע נאציאנאלע מינאריטעט שפראכן דורך דיסטאנס אנווייזונגען. אין יעדע איינס פון די זיבן עדיוקעישאנעל אויטאריטעטן, האט די שולע אינספעקשאן אפיס אידענטיפיצירט פעלערן ספעציפיש פארבינדן מיט די אראנדזשירונג פון דיסטאנס אנווייזונגען.

אין אלע ענטיטיס, איז נישט געווען קיין געהילף אנוועזנד ביי אלע אדער עטליכע פון די פלעצער ווי די סטודענטן האבן באקומען אנווייזונגען. מער פון האלב פון די עדיוקעישאנעל אויטאריטעטן' סטודענטן זענען נישט געווען אין שולע ווען זיי האבן באקומען זייער דיסטאנס אנווייזונגען זיי זענען ענדערש געווען אין זייערע היימען. עס איז געווען איין ביישפיל ווי די אנווייזונגען איז נישט איבערגעגעבן געווארן אין די ווירקליכע צייט, וואס עס איז פארלאנגט פאר די אנווייזונגען צו ווערן באשטימט אלס

[4] שולע אקט, קאפיטל 10, אפטיילונג 7 און שולע ארדינאנס, קאפיטל 5, אפטיילונג 10
[5] Lgr 11, 1 וואליוס און און מיסיע פון שולע, רעכטן און פליכטן קאפיטל
[6] שולע ארדינענס, קאפיטל 5, אפטיילונג 10
[7] שולע ארדינענס, קאפיטל 5, אפטיילונג 7
[8] שולע אקט, קאפיטל 2, אפטיילונג 10 שולע אקט
[9] שולע ארדינאנס, קאפיטל 5a, אפטיילונג 3
[10] שולע אקט, קאפיטל 1, אפטיילונג 3
[11] שולע ארדינענס, קאפיטל 5a, אפטיילונג 4

דיסטאנס אנווייזונגען. אין אן אנדערן פאל, איז די טעכנישע געצייג געווען אזוי פעלערהאפטיג אז די סטודענטן און די רעמאוט לערער האבן זיך נישט געקענט זען איינער דעם צווייטן בשעת די דיסטענס אנווייזונגען איז געווארן אויסגעפירט.

די זיבן פעלער ווי קיין געהילף איז געווען אנווענדנד טראץ וואס עס איז פארהאן א באדייטענדע ריזיקע פון שוואכע קוואליטעט ווען מוטער שפראך אנווייזונגען אין נאציאנאלע מינאריטעט שפראכן ווערט צוגעשטעלט דורך דיסטאנס אנווייזונגען.

די אויספרעג טייל פון די אינספעקשאן האט אויך געוויזן די פאלגענדע:

## ווען עס איז געקומען א פארלאנג, האט די עדיוקעישאנעל אויטאריטעט אראנדזשירט מוטער שפראך אנווייזונגען אין נאציאנאלע מינאריטעט שפראכן

פון די 25 עדיוקעישאנעל אויטאריטעטן וואס די אינספעקשאן האט געדעקט, האבן כמעט אלע פון זיי קלארגעשטעלט אז זיי האבו נישט צוריקגעוויזן קיין שום סטודענט מוטער שפראך אנווייזונגען אין קיין איינע פון די פינף נאציאנאלע מינאריטעט שפראכן. בלויז צוויי עדיוקעישאנעל אויטאריטעטן האבן געזאגט אז אזוינס האט פאסירט אבער האבן ערקלערט אז דאס איז געווען ווייל זיי האבן נישט געקענט געפונען א פאסיגע לערער.

צווישן די עדיוקעישאנעל אויטאריטעטן וואס זענען געווען א טייל פון די אויספארשונג, טוען רוב סטודענטן שטודירן פיניש. זייער ווייניג סטודענטן באקומען שפראך אנווייזונגען אין יודיש און מאנקיילי.

פילע פון די מוטער שפראך לערערס זענען לייסענסד לערערס אדער פרישולע לערערס. נישט אזוי פיל האבן די פארלאנגטע קוואליפיקאציעס אין די שפראך וואס זיי לערנען. אין די פעלער ווי די לערער איז נישט אפיציעל קוואליפיצירט און אויך נישט לייסענסד, האבן זיי געוועגליך א געוויסע סארט פעדאגאגישע טרעינירונג. א צאל עדיוקעישאנעל אויטאריטעטן האבן געקענט איבערצייגן אז זיי טוען אקטיוו זוכן מוטער שפראך לערערס אין די נאציאנאלע מינאריטעט שפראכן און אז זיי טוען צושטעלן זייערע נישט-קוואליפיצירטע לערערס מיט פארשידענע מיטלען צו הייבן זייערע קוואליפיקאציעס.

געוועגליך, האבן די סטודענטן 60 מינוט פון אנווייזונגען צייט פער וואך, אבער עס איז פארהאן פעלער ווי סטודענטן באקומען מער אדער ווייניגער אנווייזונגען צייט, אבער נישט ווייניגער פון 45 מינוט א וואך.

די צוועק פון די אויספרעג טייל פון נישט אפשאצן די קוואליטעט פון וואס איז געווארן געאפערט. בכל אופן, טוט עס דאך אנדייטן אז פילע עדיוקעישאנעל אויטאריטעטן ארבעטן צו אראנדזשירן אנווייזונגען לויטן פארלאנג פון די סטודענטן און ארבעטן צו פארזיכערן קוואליפיצירטע לערערס. די אויספרעג טייל איז באגרעניצט, אבער די שולע אינספעקשאן אפיס זעט נישט די זעלבע געפאר סיגנאלן אזוויי עס האט פריער געוויזן, בנוגע די אראנדזשירונגען פאר אנווייזונגען.